**גאווערנער קעטי האקול** **איף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/15/2023

**גאווערנער האקול אנאנסירט $55 מיליאן ווערט צוגעשטעלט צו פארבעסערן פובליק פארזיכערונג און עמערדזשענסי קאמוניקאציע סיסטעמס**

***$45 מיליאן פאר סטעיט צווישן-אנגעפירטע קאמוניקאציעס און $10 מיליאן פאר פובליק פארזיכערונג ענטפער-פונקט אפעראציעס אין גרענט פינאנצירונג יעצט צום באקומען פאר פאסיגע קאונטיס***

***פראגראמען צוגעשטעלט צו העלפן מאדערניזירן און פארבעסערן לאקאלע פובליק פארזיכערונג און עמערדזשענסי קאמוניקאציעס סיסטעמס איבער דער סטעיט***

***די טערמין פארביידע גרענט פראגראמען איז יוני 26, 2023; פאסיגע אפליקאנטן קענען אפליקירן[דא]***

גאווערנער קעטי האקולהאט היינט אנאנסירט א $55 מיליאן גרענט געלעגנהייט צו פארבעסערן און אנהאלטן פון דער סטעיטס עמערדזשענסי קאמוניקאציע סיסטעמס און פובליק פארזיכערונג ענטפערונג פונקטן. די $45 מיליאן סטעיט צווישן-אנגעפירטע קאמוניקאציע פארמולע גרענט ( State Interoperable Communications Formula Grant, SICG-Formula) ערלויבט די סטעיט צוריקצאלן פאסיגע קאונטיס פאר געוויסע אקטיוויטעטן וואס האט א שייכות מיט עמערדזשענסי קאמוניקאציע סיסטעמס גאנצשטאטיש. די $10 מיליאן פובליק פארזיכערונג ענטפער-פונקט אפעראציעס גרענט פראגראם ערלויבט קאונטיס באקומען סטעיט שטיצע פאר פאסיגע פובליק פארזיכערונג אנרוף-אננעמען און דעלעגיר אויסגאבן.

"האלטנדיג ניו יארקער פארזיכערט איז מיין הויפט פריאריטעט, און פארזיכערן אן עפעקטיווע אפרוף בשעת עמערדזשענסי סיטואציעס וואו יעדע סעקונדע ווערט געררעכנטמיינטהאבן די ריכטיגע כלים און שטיצע פאר קריטישע סיסטעמס אזוי ווי עמערדזשענסי קאמוניקאציעס סיסטעמס,"**האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער פינאנצירונג איז קריטיש צו פארשטארקן ניו יארקס עמערדזשענסי אנרוף פעאיגקייטן, און איך מוטיג קאונטי אפיצירן דורכאויס דער סטעיט אויסצוניצן די פינאנצירונג געלעגנהייטן צו פארזיכערן אז די ערשטע אפרופערס האבן די רעסורסן וואס ז יי דארפן האבן צו האלטן אונדזערע קאמיוניטיס פארזיכערט."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנערין, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "וואן א קאטאסטראפע טרעפט אן, איז עס קריטיש אז די ערשטע אפרופערסזענען ביכולות צו קאמוניקירן איינער מיטן צווייטן קלארערהייט ווען זיי ארבעטן צו שוצן קאמיוניטיס און ראטעווען מענטשן. דורך דער פינאנצירונג, וועלן פובליק פארזיכערונג שותפים קענען איינפירן די הויפט אינפראסטרוקטור און טעכנאלאגיע אמענדירונגען וואס נייטיגט זיך צו פארשטארקן לאקאלע אפרוף שטעלונגען און בויען זיכערער קאמיוניטיס."

אפליקאציעס ווערן יעצט אנגענומען און דער טערמין פאר ביידע די SICG-Formula און די פובליק פארזיכערונג ענטפער פונקט (Public Safety Answering Point, PSAP) פראגראמען איז מאנטאג, יוני 26, 2023.

פאר מער אינפארמאציע פאר ביידע גרענט געלעגנהייטן, ביטע באזוכט דאס DHSES גרענטסוועבזייטל.

גאווערנער האקולהאט שוין פריער אנאנסירט נאך אינוועסטירונגען און מיטלען צו פארבעסערן גאנצשטאטיש עמערדזשענסי אפרוף סערוויסעס פונעם שטייעריאר 2024 בודזשעט, אריינגערעכנט:

- **$105 מיליאן** צו אמענדירן די סטעיט עמערדשענסי אפעראציעס צענטער, וועלכע דינט אלס די סטעיט'ס צענטראליזירטע לאקאציע וואו עמערדשענסי גרייטקייט און אפרוף אקטיוויטעטן ווערן קאארדינירט פאר אלע הויפט עמערדזשענסיס.
- **$25 מיליאן** צו צושטעלן קאפיטל גרענטס פאר וואלונטיר פייער דעפארטמענטס פאר קאנסטרוקציע, רענאוואציע אדער איינקויפונג פון איינריכטונגען און עקוויפמענט.
- **$20 מיליאן** צו העלפן קאונטיס מיטן אריבערגיין צו נעקסטן דור 911 דורך א פייבעראפטיק קאבל נעץ וועלכע וועט זיך פארבינדן צו אן איינצלנע פובליק סערוויס ענטפערונג פונקט אין יעדע קאונטי.
- **10 מיליאן דאלער** צו צושטעלן א סטעיט-באצאלטע סטייפענד פאר וואלונטיר פייערלעשער וואס פארענדיגן פונדאמענטאלע טרענירונג.

**סטעיט צווישן-אנגעפירטע קאמוניקאציעס פארמולע גרענט (SICG-Formula)**
די סטעיט צווישן-אנגעפירטע קאמוניקאציעס פארמולע גרענט (SICG-Formula) פאקוסירט צו פארמינערן דורכבראכן אין צווישן-אנגעפירטע קאמוניקאציעס דורך איינשטימען טעכנאלאגישע איינשאפונגען מיט איר אפעראציענאלן באניץ ביי ערשטע אפרופערס, דורך צושטעלן דעם גרונט וואס איז נייטיג צו דערגרייכן א הויכן שטאפל פון צווישן-אפעראציעס. דער גרענט ערלויבט די סטעיט צוריקצוצאלן פאסיגע הוצאות וואס העלפט צו לאקאלע אנצוהאלטן און פארבעסערן קאמוניקאציעס סיסטעמס און חלקים, טרענירונג און איבונגען און רעגירונגס בנינים. עס שטיצט אויך קאונטי פובליק פארזיכערונג ארגאניזאציעס צו פארשטארקן עמעדזשענסי אפרוף, פארבעסערן די פעאיגקייטן און רעזולטאט ארויסקום פון דער US דעפארטמענט ווו האומלאנד סעקיוריטי ( Department of Homeland Security, DHS) נאציאנאל עמערדזשענסי קאמוניקאציע פלאן, פארבעסערן אפעראציע פראצידורן און אינפראסטרוקטור אנטוויקלונג און אדרעסירט SAFECOM הדרכה פון דער DHS סייבערסעקיוריטי און אינפראסטרוקטור פארזיכערונג אגענטור. ( Cybersecurity and Infrastructure Security Agency, CISA).
א סך הכל פון $45 מיליאן אין SICG-Formula גרענט פינאנצירונג איז צום באקומען פאר פאסיגע קאונטיס און ניו יארק סיטי.

**פובליק פארזיכערונג ענטפער פונקט אפעראציעס גרענט (PSAP)**
דער פובליק פארזיכערונג ענטפער פונקט אפעראציעס גרענט (PSAP) קונקורירט נישט און שטעלט אין א זייט געלט לויט א פארמולע וואס טיילט אויס דאס געלט גלייך אויף גלייך צווישן צוגעטיילטע און ווענדט זיך אויף פארשידענע קריטעריאנעוף ווי אויך דעם אפעראציאנאלן פארנעם,דעמאגראפישע עלעמענטן, עמערדשזענסי סערוויסעס רוף מעטריקס, פונאנדערשטעלן נייע טעכנעלאגיע, און אויספאלגן די סטעיט און נאציאנאלע דירעקטיוון פאר עמערדזשענסי קאמוניקאציעס. דער גרענט שטיצט דעם צוגעטיילטנס

עקסעסטירנדיגע אפעראציעס און מוטיגט די אנטוויקלונג פון נעקסטן דור 911 ( Next Generation 911, NG911) טעכנעלאגיעס און די געאגראפישע אינפארמאציע סיסטעם ( Geographic Information System, GIS) דאטע וואס מ'דארף האבן פאר NG911.דער PSAP גרענט אוואנסירט אויך די אנטוויקלונג פון אפעראציאנאלע און פראצידורישע עפעקטיוועקייטן און די אלגעמיינע קאלאבארציע צווישן פארשידענע יוריסדיקציעס, אזוי ווי אנדערע קאונטיס און סטעיט ביוראס.

די סטעיט בודזשעט פאר 2022-23 לייגט אוועק $10 מיליאן אין גרענטס פאר פאסיגע אפליקאנטן צו שטיצן אפעראציעס און פארבעסערונגען פון PSAPs. די סטעיט וועט צוריקגעבן געלט פאר אפעראציע הוצאות, ווי אויך פערסאנאל קאסטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן